# די צוויי לוחות


## אבֿרם-נחום שטענצל


די צוויי לוחות האָט גאָט אַליין אויסגעקריצט,
בשום-אופֿן האָט עס אַ מענטש געקענט זײַן,
וואָרעם ווי אַזוי וואָלט דער "לא תירצח"
צווישן די עשׂרת הדברות אַרײַן.

און פֿאַרוואָס אויף צוויי לוחות זיי אויסגעקריצט,
עס מוז דאָך דערפֿאַר אַ טעם געווען זײַן!
אַז אַלע צען געבאָט אויף איינעם אַרויף,
האָט גאָט נישט געפֿונען אַזאַ גרויסן שטיין?

אויב די לוחות וועלן ווערן צעבראָכן,
יעדע העלפֿט אַ מצבֿה וועט בלײַבן שטיין.
איינע פֿאַר די מענטשהייט אויסגעקווילעטע,
די צווייטע, כּבֿיכול שוין, פֿאַר גאָט אַליין.


(_לשון און לעבן_ יוני 1951, ז. 4)

Transcription: Leonard Prager
Conversion: Refoyl Finkel
Copyediting: Mirl Schonhaut-Hirshan